פר׳ ז א (גיד הנשה נוהג בארץ ובחוצה לארץ) אין דיא תורה איז די סדרה וישלח שטייט אז יודין זאלין ניט עסין דעם גיד הנשה. זאגט די משנה סיי דיא יודין וואס זענען אין ארץ ישראל אונ סיי דיא יודין וואס זענען אויסער ארץ ישראל. טארין ניט עסין דעם גיד הנשה (בפני הבית ושלא בפני הבית) ווען דער בית המקדש איז געוועזן אונ ווען דער בית המקדש איז ניטא. טאר מען אלין ניט עסין דעם גיד הנשה (בחולין ובמוקדשים) פון דיא בהמות וואס מען עסט זייא דארף מען ארויס נעמען דעם גיד הנשה. אונ פון דיא קרבנות וואס מען איז מקריב אויף דעם מזבח. אפילו אעולה וואס זיא ווערט אין גאנצין פאר ברענט אויף דעם מזבח. מוז מען אויך ארויס נעמען דעם גיד הנשה (ונוהג בבהמה ובחיה) פון א בהמה אונ פון א חיה מוז מען ארויס נעמען דעם גיד הנשה (בירך של ימין ובירך של שמאל) מען מוז ארויס נעמען דעם גיד הנשה פון די רעכטע פאלקע אונ פון די לינקע פאלקע (ואינו נוהג בעוף) אונ פון א עוף דארף מען ניט ארויס נעמען דעם גיד הנשה (מפני שאין לו כף) ווייל דיא פאלקע איז ניטא אינווייניג אויף דעם ביין אזוי וויא אלעפיל (ונוהג בשליל) אז מען האט גישאכטין א בהמה דער נאך האט מען גיעפינט דעם בויך אונ מען האט גיפונען אינווייניג א קאלב א לעבעדיגע וואס דיא מוטער האט איר גיטראגין ניין חדשים. ודיא קאלב הייסט שליל) מוז מען פון איר אויך ארויס נעמען דעם גיד הנשה. רבי יהודה זאגט (אינו נוהג בשליל) פון דעם שליל דארף מען ניט ארויס נעמען דעם גיד הנשה (וחלבו מותר) אונ דיא חלב פון דעם שליל מעג מען עסין וואך א פשט איז. דיא חלב (דיא פעטס) פון דעם גיד הנשה מעג מען עסין. נאר ווייל דיא יודין זענין הייליג ווילען זיי ניט עסין דיא פעטס פון דעם גיד הנשה (ואין הטבחין נאמנין על גיד הנשה) אז דער טבח וואס פאר קויפט פליישו זאגט ער האט ארויס גינומען דעם גיד הנשה. זאל מען אים ניט גלויבן. נאר מען מוז אליין זעהן אויב עס איז אמת (דברי רבי מאיר) אזוי זאגט רבי מאיר (והחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (נאמנין עליו ועל החלב) א טבח איז בגלויבט צוא

החרב: ב שולח אדם ירך לנכרי. שגיד הנשה בתוכה מפני שמקומו ניכר. הנוטל גיד הנשה צריך שיטול את כולו. רבי יהודה אומר כדי לקיים בו מצות נטילה: ג האוכל מגיד הנשה כזית. סופג ארבעים. אכלו ואין בו כזית חייב. אכל מזה כזית. ומזה כזית. סופג שמונים. רבי יהודה אומר אינו סופג אלא ארבעים: ד ירך שנתבשל בה גיד הנשה. אם יש בה בנותן טעם. הרי זו אסורה. כיצד

לחטט אחריו. ואין הלכה כר"מ: ב שולח אדם ירך וכו'. ואין חוששים שמא יראנה ישראל כששולחה לו ויחזור ויקנה אותה מן הנכרי ויאכלנה בגידה כיון דשלימה הוא מקומו של גיד הנשה היה ניכר אם נחטט סימנה והלוקח מבין שלא ניטלו ואוכלו: שיטול את כולו. יחטט אחריו: לקיים בו מצות נטילה. גוממו מלמעלה ודיו: ג אכלו ואין בו כזית חייב. משום דבריה הוא וחייב בכל שהוא כאוכל נמלה כל שהוא שחייב: מזה כזית:

מירך של ימין כזית. וכן מירך של שמאל: אינו סופג אלא ארבעים. דסבר ר' יהודה אינו נוהג אלא בשל ימין דדריש הירך המיומנת שבירך ואין הלכה כר' יהודה: ד כבשר בלפת. רואין כאילו הירך לפתות והגיד בשר ואילו היה נותן טעם בשר כשיעור הגיד בלפתות [כשיעור] הירך אסור. דבשיעורים הל' למשה מסיני וגמירי דבהכי משערים אע"פ שאילו היה כרוב. או קפלוט היה צריך פחות. או יותר. והא מתניתין אדחיא לה ואיכא

זאגין ער האט ארויס גינומען דעם גיד הנשה און ער האט ארויס גינומען די חלב: ב (שולח אדם ירך לנכרי שגיד הנשה בתוכה) אמענטש (איוד) מעג שיקען אנייט פלייש צו אגוי. אפילו דער גיד הנשה איז ניט ארויס גינומען גיווארין. ער איז נאך אין דיא פלייש און מיר האבין ניט מורא טאמער וועט איוד זיין ביי דעם גוי און ער וועט זעהן אז דיא פלייש איז געשיקט גיווארין פון איודין. וועט ער קויפין דיא פלייש פון דעם גוי. און ער וועט מיינען מען האט שוין ארויס גינומען דעם גיד הנשה. וועט ער עסין דיא פלייש אזוי וויא זיא איז מיט דעם גיד הנשה (מפני שמקומו ניכר) ווייל אז מען נעמט ארויס דעם גיד הנשה דער קענט מען. וועט דאך דער יוד זעהן אז דער גיד הנשה איז ניט ארויס גינומען גיווארין. וועט ער איהם ארויס נעמען (הנוטל גיד הנשה צריך שיטול את כולו) דער וואס נעמט ארויס דעם גיד הנשה דארף ער זעהן ער זאל ארויס נעמען אין גאנצין. רבי יהודה זאגט (כדי לקיים מצות נטילה) ער זאל נאר ארויס נעמען דעם גיד הנשה וואס ליגט פון הויבין. ער זאל מקיים זיין דיא מצוה ארויס צו נעמען דעם גיד הנשה: ג (האוכל מגיד הנשה כזית) אז איינער עסט אשטיקול פון גיד הנשה גרויס וויא אאיילבירט (סופג ארבעים) שלאגט מען איהם פערציג מלקות (אכלו ואין בו כזית חייב) אויב ער האט אויף גיגעסין דעם גאנצין גיד הנשה. אפילו דער גאנצער גיד הנשה איז ניט גיוועזן גרויס וויא אאיילבירט. פון דעסטוועגין שלאגט מען איהם פערציג מלקות (אכל מזה כזית ומזה כזית) אויב ער האט גיגעסין אשטיקול גיד הנשה גרויס וויא אאיילבירט פון דיא רעכטע פאלקע. און ער האט גיגעסין אשטיקול גיד הנשה גרויס וויא אאיילבירט פון דיא לינקע פאלקע (סופג שמונים) שלאגט מען איהם אכציג מלקות. רבי יהודה זאגט (אינו סופג אלא ארבעים) מען שלאגט איהם נאר פערציג מלקות. ווארום רבי יהודה האלט דעם גיד הנשה פון דיא לינקע פאלקע מעג מען עסין: ד (ירך שנתבשל בה גיד הנשה) אויב מען האט גיקאכט אנייט פלייש מיט דעם גיד הנשה (אם יש בה בנותן טעם) אויב דער גיד הנשה גיט ארין אטעם אין דיא פלייש (הרי זו אסורה) איז דיא פלייש אסור (כיצד משערין אותה) וויא אזוי

הלכה דקי"ל אין בגידין בנותן טעם דבין נתבשל ובין צונן ובין צלי. מקליפו ומותר. ודוקא גיד אבל שומנו יש בו בנותן טעם ואם לא נטל שומנו אסור ונותן טעם כאמור במין במינו שאין אדם יכול לטעמו משערין אותו בששים: ה גיד הנשה שנתבשל עם הגידים. של היתר: בזמן שמכירו מקליפו לחוץ ואין כאן אלא פליטתו: בנותן טעם. אם יש בגיד

משערין אותה כבשר בלפת: ה גיד הנשה שנתבשל עם הגידים. בזמן שמכירו בנותן טעם. ואם לאו כולן אסורין. והרוטב בנותן טעם. וכן חתיכה של נבלה. וכן חתיכה של דג טמא. שנתבשלו עם החתיכות בזמן שמכירן בנותן טעם ואם לאו כולן

של היתר בנ"ט בכל אלו כולן אסורים: ואם לאו. שאינו מכירו: כולן אסורים. דבכל אחד יש לומר זה הוא. ולא בטיל ברובא דבריה הוא חשיב ובריה לא בטלה: בזמן שמכירן. נחתיכות שהאיסור מטעימין בנותן טעם. ואם אין בהן כדי לתת טעם בכל היתר. הרי ההיתר מותרות: ואם אין מכירן. כל החתיכות אסורות דבכל א' יש לחוש ולומר שמא זו היא

---

וויים מען אויב דער גיד הנשה האט אריין געגעבן א טעם אין דיא פלייש. אדער ניט (כבשר בלפת) מען נעמט פלייש אזוי גרויס וויא דער גיד הנשה איז. אונ מען נעמט לפת אזוי פיל וויא גרויס דיא זייט פלייש איז. אונ מען לייגט אריין די פלייש אין די לפת אונ מען קאכט זיי צו זאמען. אויב דיא פלייש גיט אריין א טעם אין די לפת. ווייסן מיר אז דער גיד הנשה הט אויך אריין געגעבן א טעם אין די פלייש. איז די פלייש אסור ולפת איז אזוי א מין ערד פריו: ה (גיד הנשה שנתבשל עם הגידים) אויב מען הט געקאכט דעם גיד הנשה מיט נאך אנדרי אדערן (בזמן שמכירו בנותן טעם) אויב ער דר קענט וועלכר איז דר גיד הנשה. נעמט ער ארויס דעם גיד הנשה. אונ די איבעריגע אדערן איז אזו דער דין. אויב דער גיד הנשה האט אין זייא אריין געגעבן א טעם זענען זייא אסור. אונ אויב דער גיד הנשה האט ניט אריין געגעבן א טעם אין זייא. זענען זייא מותר (ואם לאו) אונ אויב ער דער קענט ניט וועלכער איז דער גיד הנשה (כולן אסורין) זענען אלע אדערן אסור (והרוטב בנותן טעם) אונ דיא יאהך פון דיא אדערן איז אזוי דער דין. אויב דער גיד הנשה האט אריין געגעבן א טעם אין דיא יאהך. איז דיא יאהך אסור. אונ אויב דער גיד הנשה האט ניט אריין געגעבן א טעם אין דיא יאהך. איז דיא יאהך מותר (וכן חתיכה של נבלה) אונ אזוי איז דער דין אויב א שטיק פלייש פון א נבלה איז געקאכט געווארן מיט שטיקער פלייש כשרה (וכן חתיכה של דג טמא שנתבשלו עם החתיכות) אונ אזו איז דער דין אויב א שטיק פיש טרפה איז געקאכט געווארן מיט שטיקער כשרה פיש (בזמן שמכירן) אויב ער דער קענט דיא שטיק נבלה אדער דיא שטיק טרפה פיש. נעמט ער ארויס דיא טרפה שטיק פיש אדער דיא שטיק נבלה (בנותן טעם) אויב דיא שטיק נבלה גיט אריין א טעם אין דיא שטיקער כשרה. אדער דיא טרפה שטיק פיש גיט אריין א טעם אין דיא כשרה שטיקער. זענען אלע טריף. אונ אויב דיא שטיק נבלה גיט ניט אריין א טעם אין דיא שטיקער כשרה. אדער דיא טרפה שטיק פיש גיט ניט אריין א טעם אין דיא שטיקער כשרה. זענען דיא כשרה שטיקער כשר (ואם לאו) אונ אויב מען דער קענט ניט דיא טרפה שטיק פיש. אדער מען דער קענט ניט דיא שטיק נבלה (כולן אסורות) זענען אלע שטיקער פלייש אדער אלע שטיקער פיש אסור צו עסן (והרוטב בנותן טעם) אויב דיא שטיק נבלה גיט אריין א טעם אין דיא יאהך. אדער דיא שטיק טרפה פיש גיט אריין א טעם אין דיא יאהך פון דיא פיש.

אסורות. והרוטב בנותן טעם: ך נוהג בטהורה ואינו נוהג בטמאה. ר׳ יהודה אומר אף בטמאה. א״ר יהודה והלא מבני יעקב נאסר גיד הנשה ועדיין

ואינה בטלה ברוב הואיל וראויה להתכבד בה לפני האורחים: והרוטב מותר. אם אין בחתיכות האיסור כדי לתת טעם ברוטב ובקיפה ובחתיכות. והלכה למעשה באיסור שנתערב בהיתר מין במינו דליכא למיקם אטעמא אם תרומה היא שנתערבה בחולין יטעמנה כהן. ואם דבר איסור הוא יטעמנו נחתום עובד כוכבים. אם אומר שאין בתערובת טעם התרומה או טעם האיסור. הכל מותר וסימכוהו רבנן לנחתום עובד כוכבים. כיון דמלאכתו הוא לא משקר שלא יפסיד אומנתו. ואי נתערב מין במינו דליכא למיקם אטעמא או מין בשאינו מינו ואין כאן כהן או עו״ג שיוכל לסמוך עליו אם האיסור הוא חלב ודם נבלות וטריפות ושקצים ורמשים ובהמה ועופות ודגים טמאין וכיוצא בזה. משערים אותו בששים. אם יש ששים של היתר כנגד האיסור הכל מותר. ואם לאו הכל אסור. וכן שומן של גיד הנשה משערים אותו כנגד ס׳ של היתר. אבל כחל שנתבשל עם בשר משערים אותו בששים וכחל מן המנין מפני שאיסורו מדברי סופרים. וביצה שיש בו אפרוח שנתבשלה עם שאר ביצים של היתר צריכה ששים ואחת כנגדו. ואם האיסור הוא תרומה וחלה ובכורים. אם הוא מין במינו או מין בשאינו מינו. ואין שם כהן שיטעים משערין אותו במאה של חולין. ואם ערלה וכלאי הכרם משערים אותן במאתים. וכל השיעורים הללו משערים בכל מה שבקדרה ברוטב ובחתיכות ובתבלין ובקיפה. והוא הדין דק שבשולי הקדרה. וכמו שהוא בא לפנינו משערינן ליה. ולא משערין במאי דבלע קדרה מן ההיתר. לפי שאף מן האיסור נבלע ונתמעט מכמות שהיה. דהכי דהיתרא בלע דאיסורא נמי בלע: ך אינו נוהג בטמאה. שאם אכל גיד הנשה של טמאה. למאן דאמר יש בגידים בנותן טעם לוקה משום טמאה ולא משום גיד ולמאן דאמר אין בגידים בנ״ט פטור מכלום. דבטהרה הוא דתורה חייבה עליו. אבל בטמאה אינו נוהג: מבני יעקב נאסר

---

איז דיא יאהך אסור. אונ אויב עס גיט ניט אריין אטעם אין דיא יאהך. איז דיא יאהך מותר (ועיין בהרע״ב): ך (נוהג בטהורה ואינו נוהג בטמאה) דער גיד הנשה פון אבהמה וואס מען מעג איר עסין. איז אסור. אונ דער גיד הנשה פון אבהמה וואס מען טאר איר ניט עסין. איז ניט אסור. ווארום אז דיא תורה האט גיזאגט מען זאל ניט עסין דעם גיד הנשה. מיינט מען דאך נאר דעם גיד הנשה זאל מען ניט עסין אבער דיא גאנצע בהמה מעג מען עסין. שמועסט דאך דיא תורה פון אזוי אבהמה וואס מען מעג איר עסין. אבער אזוי אבהמה וואס מען טאר איר ניט עסין. איז דער גיד הנשה פון איר גלייך מיט דיא גאנצע פלייש. אונ אז מען עסט דעם גיד הנשה פון איר קומט נאר מלקות ווייל ער עסט אבהמה טמאה. אבער ניט ווייל ער עסט דעם גיד הנשה. אונ דער וואס זאגט אז דער גיד הנשה איז אזוי וויא האלץ אונ ער האט ניט קיין טעם פלייש. אז ער עסט דעם גיד הנשה פון אבהמה טמאה. קומט אים ניט קיין מלקות. רבי יהודה זאגט (אף בטמאה) דער גיד הנשה פון אבהמה וואס מען טאר איר ניט עסין. איז אויך אסור (אמר רבי יהודה) האט רבי יהודה גיזאגט (והלא מבני יעקב נאסר גיד הנשה) דער גיד הנשה איז דאך אסור גיווארין צוא דיא קינדער פון יעקב (ועדיין בהמה טמאה מותרת להם) אונ צוא זייא איז דאך מותר גיוועזן אלע בהמות. אז דיא תורה האט גיזאגט זייא זאלין ניט עסין דעם גיד הנשה. דער דיא גאנצע בהמה מעגין זייא עסין. האט מען דאך גימיינט אלע בהמות.

נאסר. ועדיין בהמה מותרת לבן. עד מתן תורה: אמרו לו. פסוק זה שהזהיר עליו בסיני נאמר ועד סיני לא הוזהרו: אלא שנכתב במקומו. לאחר שנאמר בסיני כתבה לסדר מהם את התורה. כתב המקרא הזה על המעשה על כן הוזהרו בני ישראל אחרי כן שלא יאכלו גיד הנשה [לידע מאיזה טעם נאסר להם] ואין הלכה כרבי יהודה:

פרק ח כל הבשר אסור לבשל בחלב. יש מהן מדברי תורה כגון בשר בהמה. ויש מהן מדברי סופרים כגון בשר עוף: חוץ מבשר דגים וחגבים. שאינן לא מדברי תורה ולא מדברי סופרי׳: ואסור להעלותו עם הגבינה על השולחן. ואפילו בשר עוף דאיסור אכילתו מדברי סופרים אסור להעלותו עם הגבינה על השלחן. גזירה שמא יעלה גבינה עם בשר הרותח באלפס רותח שהוא אסור מן התורה. דהיינו מבשל: הנודר מן הבשר. בנדרים הלך אחר לשון בני אדם ולכל מין בשר אדם קורא בשר חוץ מבשר דגים וחגבים: וב"ה אומרי׳ לא עולה ולא נאכל. ואין הלכה כבית הלל דהיינו ת"ק דאמר לעיל ואסור להעלותו עם הגבינה על השלחן. די"ל דת"ק דבר זה מחלוקת ב"ש וב"ה. ואין זה סתם ואח"כ מחלוקת. דב"ש במקום ב"ה אינה משנה: אמר ר"י כו׳. הא קמ"ל

בהמה טמאה מותרת להן. אמרו לו בסיני נאמר. אלא שנכתב במקומו:

פרק ח **כל** הבשר אסור לבשל בחלב חוץ מבשר דגים וחגבים. ואסור להעלותו עם הגבינה על השולחן חוץ מבשר דגים וחגבים. הנודר מן הבשר מותר בבשר דגים וחגבים. העוף עולה עם הגבינה על השלחן. ואינו נאכל. דברי ב"ש. ובה"א לא עולה ולא נאכל. א"ר יוסי זו מקולי ב"ש. ומחומרי ב"ה. באיזה

---

איז דאך אסור געווארן דער גיד הנשה פון אלע בהמות (אמרו לו) האבין דיא חכמים געזאגט צו רבי יהודה (בסיני נאמר) דער פסוק פון גיד הנשה איז געזאגט געווארן אויף דעם בארג סיני. אונ פאר דעם בארג סיני האט מען ניט געאסרת דעם גיד הנשה. וואריום על כן לא יאכלו בני ישראל. מיינט מען ניט דיא קינדער פון יעקב (צו זייא איז ניט אסור געווארן דער גיד הנשה) נאר מען מיינט דיא יודין. אונ אויך דעם בארג סיני איז דאך אסור געווארן בהמות טמאות (אלא שנכתב במקומו) נאר ווען מען האט געשריבען דיא תורה פאר משה האט מען געשריבען דעם דין פון גיד הנשה אויף זיין ארט. ביי דער מעשה פון יעקב אבינו מיט דעם מלאך. מען זאל וויסען פאר וואס מען טאר ניט עסין דעם גיד הנשה:

פרק ח א (כל הבשר אסור לבשל בחלב) אלע פליישין טאר מען ניט קאכין מיט מילך (חוץ מבשר דגים וחגבים) נאר פיש אונ היישעריקען מעג מען קאכין מיט מילך (ואסור להעלותו עם הגבינה על השלחן) אונ מען טאר ניט ארויף שטעלין אויף א טיש פלייש מיט קעז (חוץ מבשר דגים וחגבים) נאר פיש אונ היישעריקען אונ קעז מעג מען ארויף שטעלין אויף איין טיש (הנודר מן הבשר) אז איינער זאגט איך טוה א נדר איך זאל ניט עסין פלייש (מותר בבשר דגים וחגבים) מעג ער עסין פיש אונ היישעריקען (העוף עולה עם הגבינה על השלחן) מען מעג ארויף שטעלין עופות מיט קעז אויף איין טיש (ואינו נאכל) נאר עסין עופות מיט קעז טאר מען ניט (דברי בית שמאי) אזוי זאגין בית שמאי (ובית הלל אומרים) אונ בית הלל זאגין (לא עולה ולא נאכל) ווייל מען טאר ניט עסין עופות מיט קעז. דריבער טאר מען ניט ארויף שטעלין עופות מיט קעז אויף איין טיש (אמר רבי יוסי) האט רבי יוסי געזאגט (זו מקולי בית שמאי ומחומרי בית הלל) ביי דעם דין זאגין בית

שלחן אמרו. בשולחן שאוכל עליו. אבל בשולחן שסודר עליו את התבשיל. נותן זה בצד זה ואינו חושש: **ב** צורר אדם בשר וגבינה במטפחת אחת. ובלבד שלא יהיו נוגעין זה בזה. רשב"ג אומר שני אכסנאין אוכלין על שלחן אחד זה בשר וזה גבינה. ואין חוששין: **ג** טיפת חלב שנפלה על החתיכה. אם יש בה בנותן טעם

דת"ק ר"י היא. ומפני ששכח ולא הזכיר שמו בתחלה הזכיר שמו בסוף והרי הוא כאילו אמר הכי דהעוף עולה ואינו נאכל דברי ב"ש וב"ה אומרים לא עולה ולא נאכל רבי יוסי אומר זו מקולי ב"ש ומחומרי ב"ה: בשולחן שאוכל עליו. דהיידי דממשמשי ביה ידא אתי לאתנוחי זה ע"ג זה: **ב** ובלבד שלא יהיו נוגעים זה בזה. דאי נגעי אע"ג דצונן בצונן הוא בעי הדחה: שני אכסנאין אוכלים על שלחן א'. דוקא שאין מכירין זה את זה. אבל מכירין זה את זה אסור שמא יאכל אחד מהן משל חברו ויאכל. והלכה כרשב"ג: **ג** טיפת חלב שנפלה. בתוך הקדירה על אחת מן החתיכות שכולה חוץ לרוטב. ולא הגיס את הקדירה ולא כסה אותה. הרי לא נחלק טעם הטפה אלא לאותה חתיכה בלבד: אם יש בה בנ"ט באותה חתיכה. כלומר אם אין באותה חתיכה לבדה ששים לבטל הטפה מיד נאסרה החתיכה והוסרה חברותיה וצריך ס' כנגד כל

---

שטאי גרינגער מען מעג ארויף שטעלן עופות מיט קעז אויף איין טיש. אונ בית הלל זאגין שווערער מען טאר ניט ארויף שטעלין עופות מיט קעז אויף איין טיש (באיזה שלחן אמרו) אויף וועלכין טיש האט מען גיזאגט אז מען טאר ניט שטעלין פלייש מיט קעז (בשלחן שאוכל עליו) אויף דעם טיש וואס מען עסט אויף אים (אבל בשלחן שסודר עליו את התבשיל) אבער אויף דעם טיש וואס מען שטעלט אויס דיא עסין. אונ מען עסט ניט פון אים (נותן זה בצד זה ואינו חושש) מעג מען שטעלין פלייש נעבין קעז. אונ ער דארף ניט מורא האבין טאמער וועט אנרירען איינס דאס אנדערע: ב (צורר אדם בשר וגבינה במטפחת אחת) אמענטש מעג איינבינדען פלייש מיט קעז אין איין טיש טוך (ובלבד שלא יהיו נוגעין זה בזה) נאר זייא זאלין ניט אנרירען איינס דאס אנדערע. דיא פלייש זאל ניט אנרירען דיא קעז. רבן שמעון בן גמליאל זאגט (שני אכסנאין אוכלין על שלחן אחד זה בשר וזה גבינה ואין חוששין) צוויא פרעמדע מענטשין וואס קענען ניט איינער דעם אנדערין. מעגין עסין אויף איין טיש. איינער עסט קעז אונ איינער עסט פלייש. אונ מיר האבין ניט מורא טאמער וועט איינער נעמען פון דעם אנדערין. וועט ער עסין קעז מיט פלייש. ווייל זייא קענען ניט איינער דעם אנדערין. וועט ניט נעמען איינער פון אנדערין: ג (טיפת חלב שנפלה על החתיכה) אויב עס איז גיוועזן שטיקער פלייש אין אטאפ וואס האט גיקאכט. אונ אטראפין מילך איז ארויף גיפאלין גיווארין אויף איין שטיק פלייש וואס זיא איז גילעגין אין גאנצין אויסער דיא יאהך. אונ מען האט ניט אוים געמישט דעם טאפ אונ צו ניט גידעקט מיט אשטארין ואצודעק אויף אטאפ. איז דאך דער טעם פון די מילך ניט גיגאנגען אין דיא איבעריגע שטיקער פלייש אונ ניט אין דיא יאהך. נאר אין דיא איין שטיק פלייש אליין איז געבליבען דער טעם פון דיא מילך (אם יש בה בנותן טעם באותה חתיכה) אויב דיא מילך האט גיגעבין אטעם אין דיא שטיק פלייש. ווייל עס איז ניט גיוועזן אין דיא פלייש זעכציג מאהל אזוי פיל ווייא דיא מילך. איז דיא גאנצע שטיק פלייש אסור גיווארן. דער נאך האט מען אויסגעמישט דעם טאפ אדער מען האט אים צוא גידעקט (אסור) אסורה זיא אלע אנדערע שטיקער פלייש. אונ אלין וואס עס איז דא אין טאפ. ביידין עס זאל זיין אין דיא

באותה החתיכה אסור. ניער את הקדרה אם יש בה בנותן טעם באותה קדרה אסור. הכחל קורעו ומוציא את חלבו. לא קרעו אינו עובר עליו. הלב קורעו ומוציא את דמו. לא קרעו אינו עובר עליו. המעלה את העוף עם הגבינה על השלחן. אינו עובר בל"ת:

בחתיכה: ניער את הקדרה. שהגיס בה מיד. קודם שקבלה החתיכה טעם מן הטפה דהשתא נתערבה הטיפה בכולן: אם יש בה בנ"ט באותה קדרה. כלומר אין בה בטפה לאסור כלן. א"נ יש בה טעם ליתן בכל הקדרה: הכחל. דד הבהמה: קורעו ומוציא את חלבו. קורעו שתי וערב וטחו בכותל ומותר אח"כ לבשלו עם בשר בקדרה: לא קרעו אינו עובר עליו. אם בשלו לבדו בקדרה. ומותר לעשות כן אפילו לכתחלה אלא איידי דבעי למתני סיפא גבי לב לא קרעו אינו

עובר עליו אבל איסור נבלה איכא תני נמי רישא אינו עובר עליו ואם בשלו עם בשר בלא קריעה מעבירים אותו במכות. וכחל עצמו מן המנין והכחל נאסר לעולם אסור: הלב קורעו ומוציא את דמו. לא קרעו אינו עובר עליו. נסיות בכרת ובמסכת כריתות (דף כב) מוקי לה בלב עוף שאין בדמו כזית אבל בלב בהמה חייב כרת אם אכלו ולא קרעו לאחר בשולו. אבל בשר הלב אינו נאסר שהלב חלק הוא ואינו בולע: אינו עובר בלא תעשה. אינו יכול לבא לידי ל"ת. כלומר אין לחוש שמא

שטיקער וואס אין טאפ זעכציג מאהל אזוי פיל וויא דיא גאנצע שטיק פלייש איז (ניער את הקדרה) אויב באלד וויא דיא ביסול מילך איז ארויף געגאסן געווארין אויף דיא שטיק פלייש. איידער דיא שטיק פלייש האט גינומען אטעם פון דיא מילך האט ער אוים געמישט דיא שטיק פלייש אין טאפ צווישען אלע אנדערע שטיקער. איז דאך דיא ביסול מילך אוים געמישט געווארין אין גאנצין טאפ (אם יש בה בנותן טעם באותה קדרה) אויב דיא מילך גיט אריין אטעם אין דיא גאנצע עסין פון טאפ (אסור) איז דיא גאנצע עסין אסור. אונ אויב דיא מילך קען ניט אריין געבין אטעם אין דיא גאנצע עסין. איז אין גאנצין מותר. אפילו דיא שטיק פלייש וואס דיא מילך איז אויף איר ארויף גיגאסין געווארין איז אויך מותר (הכחל קורעו ומוציא את חלבו) דעם אייטער פון אבהמה זאל מען איין שניידין אין דיא לייגג אונ אין דיא ברייט אונ מען זאל אים אוים קוועטשין אויף דיא וואנט. דיא מילך זאל ארויס גיין. דער נאך מעג מען אים קאכין מיט פלייש אין אטאפ (לא קרעו) אויב ער האט ניט איין געשניטען דעם אייטער אין דיא לייגג אונ אין דיא ברייט. אונ ער האט גיקאכט דעם אייטער בזונדער אן פלייש (אינו עובר עליו) הט ער ניט גיטאהן קיין עבירה. מעג ער עסין דעם אייטער (ועיין בהרע"ב) (הלב קורעו ומוציא את דמו) די הארץ פון אבהמה אדער פון אעוף זאל מען איין שניידין אונ ארוים נעמען דיא בלוט (לא קרעו) אויב מען האט ניט איין געשניטען. אונ מען הט אים גיקאכט וויא ער איז גיוועין גאנץ (אינו עובר עליו) איז ניט קיין עבירה. נאר נאך דעם קאכין זאל מען איין שניידין אונ ארוים נעמען דיא בלוט. אונ מען מעג עסין דיא הארץ. אונ אויב ער האט ניט איין געשניטען נאך דעם קאכין. נאר ער האט גיגעסין די הארץ מיט דיא בלוט. אויב דס איז אהארץ פון אעוף קומט אים ניט כרת. וייל דיא בלוט וואס אין דיא הארץ פון אעוף איז ניט אזוי פיל וויא אאיילבירט. אונ אויב דאס איז אהארץ פון אבהמה קומט אים כרת. ווארום דיא בלוט וואס אין דיא הארץ פון אבהמה איז אזוי פיל וויא אאיילבירט (המעלה את העוף עם הגבינה על השלחן) אויב מען שטעלט פלייש פון עופות מיט קעז אויף איין טיש (אינו עובר בלא תעשה) קען מען ניט עובר זיין אויף אלאו. ווארום

ד בשר בהמה טהורה בחלב בהמה טהורה. אסור לבשל ואסור בהנאה. בשר בהמה טהורה בחלב בהמה טמאה. בשר בהמה טמאה בחלב בהמה טהורה. מותר לבשל ומותר בהנאה. רע"א חיה ועוף אינם מן התור' שנאמר לא תבשל גדי בחלב אמו שלש פעמים. פרט לחיה ולעוף ולבהמה טמאה. ריה"ג אומר נאמר (דברים יד) לא תאכלו כל נבלה. ונאמר (שם) לא תבשל גדי בחלב אמו. את שאסור משום נבלה. אסור לבשל

ואכלנו ועבור עליו דאי כמי אכיל ליה אינו עובר בל"ת: ד מותר לבשל ומותר בהנאה. דאין בו משום בשר בחלב דתלתא גדי כתיבי גבי היסור בשר בחלב. וחד מגייסו לסוליה את הטמ"ס. שאם בשל בשר בהמה טמאה אפילו בחלב בהמה טהורה מותר ובאכילה מיהא אסור משום בשר טמא וכן כמי תלתא בחלב אמו כתיבי וחד מגייסו למעוטי חלב טמאה ואפי' הבשר טהור: פרט לחיה ולעוף ולבהמה טמאה. גדי פרט לעוף שאינו בהמה

לח) כאן פי' לך הכתוב דגדי זה מעזים כות כא אם לא פירש יש במשמע אף שאר בהמה. מדאיצטריך ביה לפרושי: נאמר לא תאכלו כל נבלה. ובאמר באותו פסוק עצמו את הבבל גדי בחלב אמו דמשמע כל המוסג בו איסור נבלה יש בו משום בשר בחלב ואיכא בין ר' יוסי הגלילי ובין ר' עקיבא דר' יוסי הגלילי סבר חיה דאורייתא דכל שהוא אסור משום נבלה יש בו משום בשר בחלב חוץ מן העוף שאין לו חלב אם. ור"ע סבר חיה לאו

גדי פרט לחיה דלר"ג דחיה בכלל בהמה אתא דאורייתא. א"כ עוף מדרבנן איכא בינייהו רבי קרא יתירה ואפקיה גדי ולא בהמה טמאה עקיבא דפריש אינו מן התורה משמע הא ונפקא לן מדכתיב (בראשית כז) ואת עורות מדרבנן יש בו איסור. אבל ר' יוסי הגלילי גדיי העזים ושלח יהודה את גדי העזים (שם דלא פריש הכי ליפנא שרי ליה לגמרי והל' כר"ע

אפילו ער וועט עסין די פלייש פון עופות מיט דיא קעז. איז ער אויך ניט עובר אויף אלאו. וייל עופות מיט קעז האבין נאר דיא רבנן גיאסרת. דיא תורה האט נאר גיאסרת פלייש פון אבהמה מיט קעז: ד (בשר בהמה טהורה בחלב בהמה טהורה) דיא פלייש פון אבהמה וואס מען מעג איר עסין. מיט דיא מילך פון אבהמה וואס מען מעג איר עסין (אסור לבשל ואסור בהנאה) טאר מען ניט קאכין צו זאמען. אונ מען טאר ניט הנאה האבין אויב זייא זענען גיקאכט גיווארין צו זאמען (בשר בהמה טהורה בחלב בהמה טמאה) דיא פלייש פון אבהמה וואס מען מעג איר עסין מיט דיא מילך פון אבהמה וואס מען טאר איר ניט עסין (בשר בהמה טמאה בחלב בהמה טהורה) אונ די פלייש פון אבהמה וואס מען טאר איר ניט עסין מיט דיא מילך פון אבהמה וואס מען מעג איר עסין (מותר לבשל) מעג מען קאכין צו זאמען (ומותר בהנאה) אונ מען מעג הנאה האבין אויב זייא זענען גיקאכט גיווארין צו זאמען. רבי עקיבא זאגט (חיה ועוף אינם מן התורה) דיא תורה האט ניט גיאסרת צו קאכין די פלייש פון אחיה אדער פון אעוף מיט מילך (שנאמר לא תבשל גדי בחלב אמו שלש פעמים) ווארום דריי מאהל שטייט אין דיא תורה דער פסוק. מען זאל ניט קאכין אציג אין דיא מילך פון זיין מוטער צו וואס שטייט דריי מאהל (פרט לחיה ולעוף ולבהמה טמאה) צו ווייזין אז אחיה אונ אעוף אונ אבהמה וואס מען טאר איר ניט עסין. מעג מען קאכין מיט מילך. רבי יוסי הגלילי זאגט (נאמר לא תאכלו כל נבלה) עס שטייט אין פסוק איר זאלט ניט עסין קיין נבלת ונאמר לא תבשל גדי בחלב אמו) אונ אין דעם זעלבינען פסוק שטייט מען זאל ניט קאכין אציג אין דיא מילך פון זיין מוטער (את שאסור משום נבלה אסור לבשל בחלב) דיא זאך

כר"ע: ה קיבה. חלב הקרוש שבתוך הקיבה: עובדי כוכבים ושל נבלה. ה"ק שחיטת עובדי כוכבים שהיא נבלה הרי זו אסורה: המעמיד חלב בעור של קיבה. דהוא בשר: אם יש בה ליתן טעם. בחלב הרי זו אסורה ואם לאו מותרת ואע"פ שהוא מעמיד הואיל והעור עצמו של כשר הוא ואין איסורו אלא מחמת דבר אחר שנתערב בו לא אמרינן בהאי הכל הולך אחר המעמיד. אבל אם העמיד הגבינה בעור קיבה של נבלה אפילו אין בה ליתן טעם בחלב אסור מפני שמעמיד שאסור ואיסורו מחמת עצמו ולפיכך אסרו גבינות שעובדי כוכבים מפני שמעמידין אותם בעור

בחלב. עוף שאסיר משום נבלה. יכול יהא אסור לבשל בחלב. תלמוד לומר בחלב אמו יצא עוף שאין לו חלב אם: ה קיבת עובדי כוכבים ושל נבלה. הרי זו אסורה. המעמיד בעור של קיבה כשרה. אם יש בנותן טעם הרי זו אסורה. כשרה שינקה מן הטרפה קיבתה אסורה. טרפה שינקה מן הכשרה קיבתה מותרת. מפני

קיבה של נבלה אבל הקיבה עצמה דהיינו החלב הקרוש שבתוך הקיבה אסיקנא דלית בה איסור כלל דפרשא בעלמא הוא כ"כ רמב"ם אבל רש"י כתב והלב שנמצא קרוש בעיר הקיבה שמולחין אותו בעורה אני הייתי נוהג היתר עד הנה. ובלבד שלא יתנו בה חלב אחר וטועה הייתי בכך שהייתי סובר מדאמרינן במסכת ע"ג (דף כט) גבי קיבת עולה כהן שדעתו יפה גומעה היא ש"מ פרשא בעלמא היא ולא מתסרא ולא היא חלב גמור הוא מדתנן במתני' כשרה שינקה מן הטרפה קיבתה אסורה ש"מ חלב היא וקיבת עולה דשריא משום דלאו גופה הוא אלא שינקתו מאמו והוא

---

אויב דאס פייגערט טאר מען דאס ניט עסן ווייל דאס איז אנבלה. אויב דאס איז ניט גיפייגערט נאר מען האט דאס גישאכטן טאר מען דס ניט קאכן מיט מילך (עוף שאסור משום נבלה) אעוף אז זיא פייגערט וואס מען טאר איר ניט עסן ווייל זיא איז אנבלה יכול יהא אסור לבשל בחלב) וואלט איך ווען מיינען אויב דער עוף איז ניט גיפייגערט נאר מען האט אים גישאכטן זאל מען אים ניט טארין קאכן מיט מילך (תלמוד לומר בחלב אמו) שטייט אין פסוק מען טאר ניט קאכן אציג אין דיא מילך פון זיין מוטער. דיא פלייש פון אבהמה אדער פון אחיה וואס דיא מוטער האט מילך. טאר מען ניט קאכן מיט מילך (יצא עוף שאין לו חלב אם) אבער אעוף וואס זיין מוטער האט ניט קיין מילך מעג מען אים קאכן מיט מילך: ה (קיבת עובדי כוכבים ושל נבלה) אז איין עובד גלולים האט גישאכטן אבהמה וואס דיא בהמה איז גיווארין אנבלה. דיא מילך וואס אין מאגין פון דיא נבלה (הרי זו אסורה) איז אסור (המעמיד בעור של קיבה כשרה) אויב ער האט אריין גיגאסן מילך אין דיא פעל פון דעם מאגין פון אכשרה בהמה. דיא מילך זאל גישטעלט ווערין וזאהער ווערין (אם יש בנותן טעם) אויב דער מאגין גיט אריין אטעם אין דיא מילך (הרי זו אסורה) איז דיא מילך אסור. אונ אויב דער מאגין גיט ניט אריין צטעם אין די מילך. איז דיא מילך מותר (כשרה שינקה מן הטרפה קיבתה אסורה) אויב אכשרה קאלב האט גיזויגן פון אטרפה בהמה. אונ מען האט דיא קאלב גישאכטן. איז דער מאגין אסור (טרפה שינקה מן הכשרה) אויב מען האט גישאכטן אקאלב אונ זיא איז טריף גיווארין אונ אין דיא קאלב איז דא דער מאגין. וואס אין מאגין איז דא כשרה מילך. וואס זיא האט גיזויגן פון אכשרה בהמה (קיבתה מותרת) דיא מילך וואס אין מאגין איז מותר (מפני שכנום

שכנוס במעיה: ן חומר בחלב מבדם וחומר בדם מבחלב. חומר בחלב שהחלב מועלין בו. וחייבין עליו משום פגול ונותר וטמא. מה שאין כן בדם. וחומר בדם שהדם נוהג בבהמה וחיה ועוף. בין טמאים ובין טהורים. וחלב אינו נוהג אלא בבהמה טהורה בלבד:

פרק ט **העור** והרוטב. והקיפה.

וסוס ליה כנוס בתוך מעיה כנתון בקערה ומותר: ן שהחלב מועלין בו. ואפי׳ קדשים קלים שהן ממון בעלים ואין בהן מעילה בחייהן. יש מעילה באמוריהן לאחר שנזרק דמן. דכתיב גבי קדשים קלים (ויקרא ג) כל חלב לה׳. ולהכי כתיב בהו לה׳ למימר דקדשי ה׳ קרינן ביה לענין מעילה: וטמא. אם אכלו בטומאת הגוף חייב שתי חטאות א׳ משום חלב ואחת משום טומאת הגוף: מה שאין כן בדם. דגבי דם כתיב (שם ז) על המזבח לכפר לכפרה נתתיו ולא היא קרוי שני למעול בו. שאינו עומד אלא לכפר בשבילכם. ומשום פגול אין בו דכל שדבר אחר מתיר אותו כגון בשר

קדשים שהדם מתירו לבהמים בזריקתו. וכגון עולה שהדם מתירה למזבח. דהא לא חרק דמה אין אבריה נקטרים. דכתיב (שם) וזרק הכהן את הדם על מזבח ה׳ והדר והקטיר החלב לריח ניחוח אלו יש בהן משום פיגול. אבל דם דהוא גופיה מתיר הוא אין חייבין עליו משום פיגול. ומשום נותר וטמא נמי אין בו דכתיב בדם תרי מעוטי. הוא ולכם. חד למעוטי מנותר. וחד למעוטי מטומאה: אלא בבהמה טהורה. כדכתיב (שם ז) מן הבהמה אשר יקריב ממנה:

פרק ט **העור** והרוטב. משום דתנן בפ׳ בהמה המקשה (דף עז)

---

בְּמֵעֶיהָ) ווייל דיא מִילְךְ לִיגְט אִין מָאגִין אַזוי ווי אִין אַשִׁיסוּל: ן (חוֹמֶר בְּחֵלֶב מִבְּדָם) חֵלֶב אִיז אַרְגֶער ווִיא בְּלוּט (וְחוֹמֶר בְּדָם מִבְּחֵלֶב) אוּנ בְּלוּט אִיז אַרְגֶער ווִיא חֵלֶב (חוֹמֶר בְּחֵלֶב) חֵלֶב אִיז אַרְגֶער ווִיא בְּלוּט (שֶׁהַחֵלֶב מוֹעֲלִין בּוֹ) אוֹיבּ מֶען הָאט הֲנָאָה פוּן חֵלֶב פוּן אַקָרְבָּן. דַארְף מֶען בְּרֵיינְגֶען אַקָרְבָּן מְעִילָה (וְחַיָּבִין עָלָיו מִשּׁוּם פִּגּוּל) אוֹיבּ מֶען הָאט גִיטְרַאכְט אוֹיף אַקָרְבָּן ווען מֶען הָאט אִים גִישָׁאכְטִין. מֶען זָאל אִים עֶסִין שְׁפֶּעטֶער ווִיא דִיא צַייט אִיז. אִיז דֶער קָרְבָּן גִיוָארִין פִּגּוּל. אוּנ אַז מֶען עֶסְט דִיא חֵלֶב פוּן דֶעם קָרְבָּן. בְּשׁוֹגֵג. דַארְף עֶר בְּרֵיינְגֶען דְבֵיי קָרְבָּנוֹת. אֵיין קָרְבָּן פַאר חֵלֶב. אוּנ אֵיין קָרְבָּן ווייל עֶר הָאט הֲנָאָה פוּן קָדָשִׁים. אוּנ אֵיין קָרְבָּן ווייל דָאס אִיז פִּיגּוּל ווּעיין בתי״ט) (וְנוֹתָר) אוּנ אוֹיבּ עֶר הָאט גִיגֶעסִין דִיא חֵלֶב ווָאס אִיז גִיבְּלִיבֶּען אוֹיף נָאךְ דִיא צַייט. ווען מֶען טָאר שׁוֹין נִיט מַקְרִיב זַיין. אִיז עֶר חַיָּיב נָאךְ אַקָרְבָּן (וְטָמֵא) אוּנ אוֹיבּ עֶר אִיז גִיוֶועזִין טָמֵא ווען עֶר הָאט גִיגֶעסִין דִיא חֵלֶב. אִיז עֶר חַיָּיב נָאךְ אַקָרְבָּן (מַה שֶּׁאֵין כֵּן בְּדָם) בַּיי בְּלוּט אִיז נִיט אַזוי. בַּיי בְּלוּט אִיז נִיטָא קֵיין מְעִילָה. אוּנ נִיט קֵיין פִּיגּוּל. אוּנ נִיט קֵיין נוֹתָר. אוּנ נִיט קֵיין טוּמְאָה (וְחוֹמֶר בְּדָם) אוּנ בְּלוּט אִיז אַרְגֶער ווִיא חֵלֶב (שֶׁהַדָּם נוֹהֵג בִּבְהֵמָה וְחַיָּה וְעוֹף) דִיא בְּלוּט פוּן אַבְּהֵמָה אוּנ פוּן אַחַיָּה אוּנ פוּן אַעוֹף אִיז אַלְץ אָסוּר (בֵּין טְמֵאִים וּבֵין טְהוֹרִים) סַיי פוּן דִיא ווָאס מֶען טָאר נִיט עֶסִין אוּנ סַיי פוּן דִיא ווָאס מֶען מֶעג עֶסִין (וְחֵלֶב אֵינוֹ נוֹהֵג אֶלָּא בִּבְהֵמָה טְהוֹרָה בִּלְבַד) אוּנ חֵלֶב אִיז נָאר אָסוּר פוּן אַבְּהֵמָה ווָאס מֶען מֶעג אִיר עֶסִין:

פרק ט א (הָעוֹר) אוֹיבּ אַשְׁטִיקוּל פְלֵייש אִיז אָן גִיקְלֶעבְּט צוּ אַשְׁטִיקוּל פֶעל. מֶען הָאט נָאךְ נִיט אַרָאפּ גִנוּמֶען דִי שְׁטִיקוּל פְלֵייש פוּן דִי פֶעל. אוּנ בֵּיידֶע צוּ זַאמֶען זֶענֶען גְרוֹס ווִי אַאֵיי קֶענֶען זֵייא טָמֵא ווערין אוֹיבּ זֵייא רִירֶען אָן אַטוּמְאָה (וְהָרוֹטֶב) אוֹיבּ פַאר גִיווִירְטֶע יָאךְ מִיט אַשְׁטִיקוּל פְלֵייש צוּא זַאמֶען. זֶענֶען גְרוֹיס ווִיא אַאֵיי. קֶענֶען זֵייא טָמֵא ווערין אוֹיבּ זֵייא רִירֶען אָן אַטוּמְאָה (וְהַקִּיפָה) אוּנ דִיא בְּשָׂמִים ווָאס אִיז גִיגָאבְּט גִיוָארִין מִיט אַשְׁטִיקוּל

**והאלל. והעצמות. והגידין. והקרנים. והטלפים. מצטרפין לטמא טומאת אוכלין אבל לא**

גבי צליה. ואינה מטמאה טומאת אוכלים ולא טומאת נבלות. תנא העור והרוטב. והאי דאפסיק משום דתנא בפרק בהמה המקשה תנא בה בן ט' חי טעון שחיטה וחייב באותו ואת בנו תנא אח"כ אותו ואת בנו. ואיידי דאיירי ביה בשחיטה שאינה ראויה תני בתריה כסוי הדם. ואיידי דתנא בכסוי הדם ונוהג בחיה ובעוף תנא גיד הנשה דנוהג בחיה ולא בעוף. ואיידי דאיירי ביה בירך שנתבשל בה גיד הנשה [בבליעת איסור] תנא כל הבשר ובתריה הדר לעניינא קמייתא דשליא אינה מטמאה טומאת אוכלים: העור והרוטב. העור של בהמה שחוטה כגון פחות מכביצה בשר ועור המחובר בה מצטרף מפני שהוא שומר לבשר. והשומרים מצטרפים לטומאה קלה שהיא טומאת אוכלים דכתיב בה (שם יא) על כל זרע זרוע אשר יזרע. כדרך שבני אדם מוציאים לזריעה חטה בקליפתה ושעורה בקליפתה. ועדשין בקליפתן. ואע"ג דבההוא קרא שומר לא כתיב ביה. טומאה משום דלא הוכשר. דהכשר ליה וכי יותן מים על זרע דהוכשר. טמא הוא: והרוטב. כשהיא קרושה דרך לאכלה עם הבשר מצטרפת להשלים שיעור כביצה. אבל אינו אוכל לקבל טומאה בפני עצמה: והקיפה. תבלין וכן עצמן לאו אוכלים חשיבי. אבל נאצטרופי מצטרפין: והאלל. גיד שבדרם והצואר והוא רחב ולבן שקורין נו יו לו בלע"ז קפיל"ו ודוגמתו (איוב יג) רופאי אלל כלכם. שמנופסק אין לו רפואה להתחבר עוד. כך אתם דבר שאין בו רפואה אתם אומרים לרפאות. אי נמי קרי תנא אלל לבשר שפולטתו הסכין כשמפשיטין את הבהמה פעמים שהסכין עולה מן הבשר אצל העור ולא חשיב אוכל. אבל מצטרף עם האוכל: והקרנים והטלפים. כל שחותכן ויוצא מהם דם אצל עקרן מלמטה שהן רכים. ומיהו באנפי נפשייהו לאו אוכלין נינהו: מצטרפין. משום שומר: לטמא טומאת אוכלין. להשלים שיעור כביצה שאין אוכלין טמאים מטמאים בפחות מכביצה: אבל לא טומאת נבלות. אם מנבלה הן אין מטמאין. ואין מצטרפין לכזית להשלים שיעור נבלה לטמא אדם ובגדים שעליו. דכתיב (ויקרא יא) הנוגע בנבלתה ולא עור שאין עליו כזית בשר

---

פלייש. אויב דיא בשמים מיט דיא שטיקול פלייש צוא זאמען זענען גרוים וויא אאיי. קענען זייא טמא ווערין אויב זייא רירען אן אטומאה (והאלל) דער ווייטער אדער וואס אין דיא שדרה מיט אשטיקול פלייש צוא זאמען זענען גרוים וויא אאיי. קענען זייא טמא ווערין אויב זייא רירען אן אטומאה (והעצמות) אויב אביין מיט דיא מארך וואס אינווייניג צוא זאמען איז גרוים וויא אאיי. קען ער טמא ווערין אויב ער רירט אן אטומאה (והגידין) דיא אדערין אויב זייא זענען גרוים וויא אאיי. קענען זייא טמא ווערין אויב זייא רירען אן אטומאה (והקרנים) דיא הערנער פון אבהמה. אויב ער האט אפ געשניטען אשטיקול פון דיא הערנער אונטען בייא דעם ווארציל ווא עס גייט ארוים בלוט אז מען שניידט. מיט אשטיקול פלייש צוא זאמען גרוים וויא אאיי. קענען זייא טמא ווערין אויב זייא רירען אן אטומאה (והטלפים) דיא קלאהען. אויב ער האט אפ געשניטען אשטיקול פון דיא קלאהען ווא עס גייט ארוים בלוט אז מען שניידט. מיט אשטיקול פלייש צוא זאמען גרוים וויא אאיי. קענען זייא טמא ווערין אויב זייא רירען אן אטומאה (מצטרפין לטמא טומאת אוכלין) דיא אלע זאכין רעכענט מען צוא זאמען מיט דיא שטיקול פלייש זיא זאל ווערין גרוים וויא אאיי. אז זיא וועט אנרירען אטומאה זאל זיא קענען טמא ווערין (אבל לא טומאת נבלות) אויב אבהמה איז ניפיגערט זענען דיא אלע זאכין ניט מטמא אזוי וויא דיא נבלה. אונ מען רעכענט ניט צוא זאמען איינע פון דיא אלע זאכין צוא אשטיקול

לא טומאת נבלות. כיוצא בו. השוחט בהמ' טמאה לעו"ג ומפרכסת מטמאה טומאת אוכלין אבל לא טומאת נבלות. עד שתמות או עד ש'תיז את ראשה. ריבה לטמא טומאת אוכלין ממה שריבה לטמא טומאת נבלות. ר' יהודה אומר האלל המכונס. אם יש בו כזית במקום אחד. חייב עליו:

אלו

וסעור משלים לכזית. שהנוגע בו אינו טמא. לפי שאין שומר מצטרף לטומאת נבלות וכן קיפה ורוטב לאו מין נבלה נינהו. ואלל וגידים לאו בשר הן. אבל אוכלים בעלמא הוו בהדי בשר. כיוצא בו (יש) שהוא מטמא טומאת אוכלים. להיות מקבל טומאה מן השרץ ומטמא אוכלין אחרים. ואינו מטמא מאליו טומאת נבלות לטמא אחרים: השוחט בהמה טמאה לעובד כוכבים. ישראל ששחט בהמה טמאה לצורך עובד כוכבים ועודה מפרכסת אע"ג דלא חזיא לעובד כוכבים דלא הויא שחיטה לבני נח עד שתמו' אפ"ה כיון דישראל שחט שחיטה מעלייתא היא. וכיון דשחיטה הויא לגבי דישראל בבהמה טהורה. מהניא ליה מחשבתו אוכלא בשחיטה אף בטמאה לעובד כוכבים אבל עובד כוכבים בשחיטה לא מהניא ליה מחשבתו אוכלא. דלא אשכחן שחיטה לגביה. וטמאה לישראל לא מהניא ליה אוכלא דבטלה מחשבתו: אבל לא טומאה נבלות עד שתמות. דהא וכי ימות מן הבהמה כתיב (שם): או עד שיתיז את ראשה. דהויא לה גיסטרא ונבלה מחיים דחשובה מתה. ואפי' היא מפרכסת: ריבה הכתוב לטמא טומאת אוכלים. דהא איכא כל הני דלגבי אוכלים אוכלא נינהו ונבלה לא מקרי אע"פ דשייכי בה: האלל המכונס כמו אלל דהיינו לכ"ע הוי בשר שפלטתו סכין אלל העור: המכונס הנאסף למקו"ם אחד. דהואיל ואחשביה לא בטל וחשיב כבשר נבלה. וחייב עליו אם נגע ונכנס למקדש או אכל קודש ואין הל' כר"י:

פלייש גרוים ויא אהאלבער איילבירט. צוא זאמען זאל דאס ווערן גירעכנט וויא אאיילבירט. דיא שטיקול פלייש זאל קענען מטמא זיין אמענטשין. דאס אויך ניט (כיוצא בו) נאך אזוי אגלייכין (השוחט בהמה טמאה לעובד גלולים) אויב איד האט גישאכטין אבהמה טמאה אפערד. אאייזיל. פר אגעצענדינער דר געצינדינער זאל פון איר עסין (ומפרכסת) און די בהמה צאפילט נאך (מטמאה טומאת אוכלין) אויב זיא רירט אן אטומאה. ווערט זי טמא וואָרום זיא הייסט שוין אעסינווארג אזוי וויא אלע פלייש (אבל לא טומאת נבלות) אבער אנבלה איז זיא נאך ניט. און ווער עס רירט איר אן. איז ניט טמא (עד שתמות) ביז זיא וועט שוין ניט האבין קיין לעבונג וועט זיא הייסין אנבלה (או עד שיתיז א ראשה) אדער ביז ער וועט אפ האקין דעם קאפ פון דיא בהמה. אפילו זיא וועט נאך צאפלען. הייסט זיא שוין אנבלה צוא מטמא זיין (ריבה לטמא טומאת אוכלין) אין דיא בהמה איז דא מער זאכין האס זענען מטמא אזוי וויא אלע עסינווארג אז זייא רירען אן אטומאה (ממה שריבה לטמא טומאת נבלות) וויא דיא זאכין וואס זענען מטמא וויל זייא זענען אנבלה. רבי יהודה זאגט (האלל המכונס) דא מיינט מען אלל. ווען מען שניידט אפ מיט דעם מעסער דיא פעל פון דיא נבלה. בלייבט שטיקלאך פלייש אויף דיא פעל. וואס דער מעסער שניידט איין אין דיא פלייש און לאזט דאס אויף דיא פעל. אויף דעם ארט אשטיקול און אויף דעם ארט אשטיקול. אזוי אין עטליכע ערטער. זאגט רבי יהודה אויב עטליכע שטיקלאך פלייש זענען אויף איין ארט צוא זאמען (אם יש בו כזית במקום אחד) אויב דיא עטליכע שטיקלאך פלייש וואס זענען צוא זאמען אויף איין ארט. זענען גרוים וויא אאיילבירט. און איינער רירט דאס אן. ווערט ער טמא (חייב עליו) און אויב ער גייט אריין אין בית המקדש. אדער ער עסט קדשים. איז ער

ב אלו שעורותיהן כבשרן. עור האדם. ועור חזיר של ישוב. ר׳ יוסי אומר. אף עור חזיר הבר. ועור חטוטרת של גמל הרכה. ועור הראש של עגל הרך. ועור הפרסות. ועור בית הבושת. ועור השליל. ועור שתחת האליה. ועור האנקה והכח. והלטאה. והחומט. ר״י אומר הלטאה כחולדה. וכולן שעיבדן או שהלך בהן כדי עבודה טהורין. חוץ מעור האדם. רבי יוחנן בן נורי אומר ח׳ שרצים יש להן עורות: ג המפשיט בבהמה ובחיה. בטהורה ובטמאה. בדקה

ב אלו שעורותיהן מטמאין כבשרן. ועור חזיר של ישוב. מפני שהוא רך ואוכלין אותו: אף עור חזיר הבר. דסבר הלי כמי רכיך. ואין הלכה כר״י: חטוטרות של גמל הרכה. כל זמן שלא טען משאוי: עגל הרך. כל זמן שהוא יונק: ועור הפרסות. כשחותכין הרגלים סוכות רך: בית הבושת. בית הרחם של נקבה: ועור שתחת האליה. עור הזנב מתחת מקום שאין שער מפני שהוא רך: האנקה. ריל״ו: והלטאה. לוזר״ט: הומט. לומג״ס: הלטאה כחולדה. עורה חלוק מבשר ואין הלכה כר״י: וכלן שעבדן. מטמאים כבשר אם עבדן נעשו עור ויצאו מתורת בשר וטהורין: או שהלך בהן. שהטען כדי להלך בהן שהוא קלת עבודן: חוץ מעור האדם. דכל תורת עור האדם לאחר שעבדו טהור. ורבנן טעם אמרו עור האדם שעבדו טמא גזרה שמא יעשה אדם עורות אביו ואמו שטיחין למטה ליצב ולשכב עליהן: יש להן עורות. ואין אחד מהן שיהיה עורו מטמא כבשרו ולא כת״ק דחשיב ארבע מהן שעורותיהן כבשרן. ואין הלכה כר׳ יוחנן בן נורי: ג בטהורה ובטמאה. בין שהיא ... כל אלו שאמרו שהן טהורה שהשיט והמפשיט טמא. בין שהיא

חייב אקרבן אדער ברת: ב (אלו שעורותיהן כבשרן) דיא זאכין איז דיא פעל מטמא אזוי וויא דיא פלייש (עור האדם) דיא פעל (דיא הויט) פון אמענטשין (ועור חזיר של ישוב) דיא פעל פון אחזיר וואס איז צווישען מענטשין. דיא פעל זיינע איז וויך אונ מען עסט איר. רבי יוסי זאגט (אף עור חזיר הבר) דיא פעל פון אווילדען חזיר. איז אויך וויך (ועור חטוטרת של גמל הרכה) דיא פעל פון דעם רוקען פון איונגען קעמעל (ועור הראש של עגל הרך) אונ דיא פעל פון קאפ פון איונגע קאלב וואס זייגט (ועור הפרסות) אונ דיא פעל פון דיא פאלקע ווען ת״ט (ועור בית הבשת) אונ דיא פעל פון דיא ערוה פון אנקבה (ועור השליל) אונ דיא פעל פון אקאלב וואס מען האט איר גיפונגען ביא איר מוטער אין בויך (ועור שתחת האליה) אונ דיא פעל וואס אונטער דעם ווידיל (ועור האנקה והכח והלטאה והחומט) אונ דיא פעל פון דיא פיר שרצים. רבי יהודה זאגט (הלטאה כחולדה) אה לטאה איז אזוי וויא אחולדה. דיא פעל אירע האט ניט דעם זעלביגען דין וויא דיא פלייש אירע (וכולן) דיא אלע וואס דיא משנה זאגט אז דיא פעל האט דעם זעלביגען דין וויא דיא פלייש. דאס איז נאר אז מען האט דיא פעל ניט אויסגיארבעט (שעיבדן) אז מען האט אויסגיארבעט דיא פעל (או שהלך בהן כדי עבודה) אדער מען האט אויסגישפרייט דיא פעל אויף דיא ערד אונ מען האט גיטרעטין אויף איר. איז זיא שוין צביסול אויסגיארבעט גיווארין (טהורין) זענע דיא פעל טהור (חוץ מעור האדם) אויסער דיא פעל פון אמענטש. אפילו מען האט איר אויסגיארבעט איז זיא אויך טמא. רבי יוחנן בן נורי זאגט (שמנה שרצים יש להן עורות) אכט שרצים וואס זייערע נעמען שטייען אין דיא תורה (החולד והעכבר והצב והאנקה והכח והלטאה והחומט והתנשמת) זייא האבין אפעל. זייערע פעל איז ניט מטמא: ג (המפשיט בבהמה ובחיה

נבלה שמתה והמפשיט טהור אם מפשיטו לעשות מן העור שטיח דהיינו מצע להציע ע"ג המטה או ע"ג שלחן. כגון שקורע והופך העור כולו לארכו מראש הבהמה ועד זנבה ומתחיל להפשיט העור הוי חבור יד להוציא טומאה מן הנבלה אם נוגע אדם טהור בעור ולהכניס טומאה לבשר אם הנוגע היא : עד כדי אחיזה. שהן שני טפחים וטפי מהכי לא הוי יד להכניס ולהוציא טומאה. ואם הבשר טהור ונגעה טומאה. ביותר משני טפחים הללו. לא נטמא הבשר ואם הבשר נבלה. ונגע טהור ביותר מב' טפחים הללו לא יטמא

**ובגסה. לשטיח כדי אחיזה. ולחמת עד שיפשיט את החזה. המרגיל כולו חבור לטומאה. ליטמא ולטמא. עור שעל**

השטיח : ולחמת. אם לא הפך העור מתחלה לארכו. אלא מפשיטו כפול לצורך חמת. מתחיל מצואר וסופו כלפי זנבה : עד שיפשיט את החזה. הוי חבור והנוגע בעור כנוגע בבשר בין ליטמא בין לטמא מפני שהחזה קשה להפשיט מכל האברים : המרגיל. שמתחיל מרגלי הבהמה להפשיט ומפשיטו כפול לצורך חמת : כולו חבור. מפני שהחזה לסוף הפשטו הוא. לפיכך כלו חבור עד החזה והנוגע בעור [illegible] כנוגע בבשר בין ליטמא בין לטמא : עור שעל הצואר. מעצמו נפשט לפיכך אינו חבור ליטמאות המופשט הראשון חבור כדרך

אז איינער ציהט אפ די פעל פון א בהמה אדער פון א חיה (בטהורה) סייא די בהמה אדער די חיה זענען גישאכטין גיווארין אונ מען מעג זיא עסין . נאר דער וואס ציהט אפ איז טמא (ובטמאה) אונ סייא די בהמה אדער די חיה זענען נבלות וואס זייא זענען טמא . אונ דער וואס ציהט אפ די פעל איז טהור (בדקה ובגסה) סייא בייא איונגע בהמה אונ סייא בייא אאלטע בהמה (לשטיח) אויב ער ציהט אפ די פעל צוא פאר שפרייטין איר אויף אבעט אדער אויף אטיש (דהיינו ער שנייט איין אין די פעל איבער די גאנצע לייג פון די בהמה פון קאפ ביז צום וויידיל . די ערשטע שטיקל פעל וואס ער ציהט אפ אונ די איבעריגע אין גאנצין איז בהעפט צוא די פלייש (כדי אחיזה) מען זאל איר קענען אן געמען . דאס איז ביז צווייא טפחים . הייסט די שטיקל פעל אזוי וויא אהאנט (צבהעפטונג) צוא די גאנצע בהמה . אויב אמענטש וואס איז טהור רירט אן די שטיקל פעל אונ די בהמה איז אנבלה . ווערט ער טמא . אונ אויב די בהמה איז טהור אונ אטומאה רירט אן די שטיקל פעל . ווערט די בהמה טמא . אונ אויב די שטיקל אפ גיצויגענע פעל איז לייגער וויא צווייא טפחים . אויב די בהמה איז אנבלה אונ אטהור רירט אן די שטיקל פעל וואס לייגער וויא צווייא טפחים . איז ער טהור . אונ אויב די בהמה איז טהור . אונ אטומאה רירט אן דעם ארט וואס לייגער וויא צווייא טפחים . איז די בהמה טהור (ולחמת עד שיפשיט את החזה) אונ אויב ער ציהט אפ די פעל צוא מאכין פון איר אלאגיל . ער האט ניט איין געשניטען אין די לייג נאר ער ציהט איר אפ קיילעכדיג. ער הייבט אן פון קאפ אונ בייגט אריבער די פעל אונ ציהט אראב ביז צום וויידיל (עד שיפשיט את החזה) די שטיקל פעל וואס איז אפ גיצויגן ביז צוא די ברוסט הייסט וויא אהאנט (בהעפט) צוא די גאנצע בהמה. אויב די בהמה איז אנבלה אונ אטהור רירט אן די שטיקל פעל וואס פאר די ברוסט . ווערט ער טמא . אונ אויב די בהמה איז טהור אונ אטומאה רירט אן די שטיקל פעל וואס פאר די ברוסט . ווערט די בהמה טמא (המרגיל) אויב ער האט אן גיהויבין אפ צו ציהען די פעל (צו אלאגיל קיילעכדיג) פון די פיס צום קאפ (כולו חבור לטומאה) די גאנצע פעל ביז צו די ברוסט איז צבהעפטונג צוא די פלייש . אז מען רירט אן די פעל איז גלייך וויא מען וואלט אן גערירט די פלייש (ליטמא ולטמא) אויב די בהמה איז טהור אונ אטומאה רירט

שעל הצואר. ר"י בן נורי אומר אינו חבור. וחכ"א חבור עד שיפשיט את כולו: ד עור שיש עליו כזית בשר. הנוגע בציב היוצא ממנו ובשערה שכנגדו. טמא. היו עליו כשני חצאי זיתים מטמא במשא ולא במגע. דברי ר' ישמעאל. ר"ע לא במגע ולא במשא. ומודה ר"ע בשני חצאי זיתים שתחבן בקיסם והסיטן שהוא טמא. ומפני מה ר"ע מטהר בעור. מפני

פסחים טופס: וחכ"א וכו'. וכל' כהכמים: ד עור שיש עליו כזית בשר. במקום אחד: הניגע בציב היוצא ממנו. רלועס ותלתול סיולא מאותו בשר ותלוי ודבוק במקלת. ובאותו ליב ניכא כזית. אבל מעורס סוא לכזית: ובשערה. סבעורס כנגד אותו בשר. טמא. דמערס סוי שומר: מטבא במשא. דסוי כשא כזית כנלה: ולא במגע. דאי אפשר ליגע ביחד. ושתי נגיעות אין מצטרפות: לא במגע ולא במשא. כדמפרש טעמא בסיפא סעור מבטלו: ומודה ר"ע. דאע"ג דלא סוי כזית מעורס במקום אחד בכס"ג כגון סתחב שני חצאי זיתים בקיסם כלומר עץ דק: והסיטן שהוא טמא. וסלכס כר' עקיבא:

אן דיא פעל. ווערט דיא בהמה טמא. אונ אויב דיא בהמה איז א נבלה. אונ א טהור רירט אן דיא פעל. ווערט ער טמא (עור שעל הצואר) דיא פעל וואס אויף דעם האלדז. רבי יוחנן בן נורי זאגט (אינו חבור) דאס איז ניט קיין בהעפטונג. דיא פעל ווערט ניט טמא אונ איז ניט מטמא (וחכמים אומרים) אונ דיא חכמים זאגין (חבור עד שיפשיט את כולו) דיא פעל איז א בהעפטונג מיט דיא פלייש. אונ זיא קען טמא ווערין אונ מטמא זיין. ביז ווידין ער ציהט אראפ דיא גאנצע פעל. קען ניט דיא פעל טמא ווערין אונ ניט מטמא זיין: ד (עור שיש עליו כזית בשר) אויב עס איז דא אויף א פעל א שטיקול פלייש גרויס וויא א איילבירט. אונ מען רירט אן דיא שטיקול פלייש (הנוגע בציב היוצא ממנו) אויב עס איינגט אראפ פון דעם כזית פלייש. א שטיקול פלייש דין וויא א פאסעק. אונ דער פאסעק איז נאר א ביסור בהעפט צו דעם כזית פלייש. אונ אין דעם פאסעק איז ניטא קיין כזית. דער פאסעק הייסט ציב. אז מען רירט אן דעם ציב (ובשערה שכנגדו) אדער מען רירט אן דיא האר וואס אויף דיא פעל געגין דעם כזית פלייש. אויב דיא פעל איז פון א נבלה (טמא) דער וואס רירט אן ווערט טמא (היו עליו כשני חצאי זיתים) אויב אויף דיא פעל איז געווען צווייא שטיקלאך פלייש. ווייט איינע פון דיא אנדערע. יעדער שטיקול פלייש איז געווען גרויס וויא א האלבער איילבירט (מטמא במשא) אויב מען האט געטראגין דיא פעל. ווערט מען טמא. ווארום מען האט דאך געטראגין פלייש גרויס וויא א איילבירט (ולא במגע) אבער אז ער האט אן גערירט איין שטיקול פלייש דער נאך דיא אנדערע שטיקול פלייש. ווערט ער ניט טמא (דברי רבי ישמעאל) אזוי זאגט רבי ישמעאל. רבי עקיבא זאגט (לא במגע ולא במשא) ביי מען טראגט דיא פעל אונ ביי מען רירט אן דיא פלייש ווערט מען ניט טמא (ומודה רבי עקיבא) אונ דאס איז רבי עקיבא מודה (כשני חצאי זיתים שתחבן בקיסם והסיטן שהוא טמא) אויב מען האט גינומען צוויי שטיקלאך נבלה. יעדער שטיקול נבלה איז געווען גרויס וויא א האלבער איילבירט. אונ מען האט זייא ארויף געשטאכין אויף א דינגע שטיקול האלץ. דער וואס טראגט דיא שטיקול האלץ. ווערט טמא (ומפני מה רבי עקיבא מטהר בעור) פאר וואס זאגט רבי עקיבא אז דיא צוויי שטיקלאך פלייש וועגען צו גיקלעבט אויף דיא פעל. אונ מען טראגט דיא פעל. איז מען טהור (מפני שהעור מבטלן) יעדער שטיקול פלייש בזונדער ווייל ער איז ניט גרויס וויא א איילבירט. ווערט ער בטל צו דיא

ה קולית. כל עצם שיש בו מוח קרוי קולית. וקולית המת הנוגע בה בין סתומה בין נקובה טמא. דהא עצם כשעורה במת מטמא במגע ובמשא כדכתיב (במדבר יט) או בעצם אדם:

בה אלא בשיער. טמא. אבל קולית דא"א ליגע בטומאה עצמה אין בו מטמא: נקובים כל שהוא. אפילו כחוט השערה שאפשר להכניס בו חוט השערה של ראשו או זקנו והרי הוא מיטמא בכך: מנין שאף במשא. אקולית דנבלה קאי. דשרץ אינו מטמא במשא: ביצת השרץ. יש בשמונה שרצים שמטילים ביצים כגון הלב והלטאה והחומט: המרוקמת. שנולד בה אפרוח: טהורה. לפי שא"א ליגע באפרוח שבפנים: ניקבה כל שהוא

ה קולית המת וקולית המוקדשים. הנוגע בהן בין סתומים בין נקובים. טמא. קולית נבלה וקולית השרץ הנוגע בהן. סתומים טהורים. נקובים כל שה"א מטמא במגע. מנין שאף במשא. ת"ל הנוגע והנושא. את שבא לכלל מגע בא לכלל משא. לא בא לכלל מגע לא בא לכלל משא: ו ביצת השרץ המרוקמת טהורה. ניקבה כל שהוא טמאה. עכבר שחציו בשר

וקולית המוקדשים. שהפגול והנותר יטמאו ידים דגזרו בהו רבנן. משום חשדי כהונה ועצלי כהונה. וגזרו אף בעצמות שמשו את הנותר: קולית נבלה. נבלה אין עצמותיה מטמאין דכתיב בנבלתה ולא בעצמות וכן בשרץ הלכך סתומים טהורים אף מלטמא במשא וכ"ש במגע דא"א לו ליגע במוח שבפנים. ואע"ג דשומר מכניס ומוליא טומאה ה"מ בדבר שאפשר ליגע בטומאה עצמה ואפי׳ לא נגע

טמאה. ואע"פ שלא נגע שהשומר מכניס ומוליא טומאה בדבר שאפשר ליגע: עכבר שחציו בשר. יש מין עכבר שאינו פרה ורבה.
